וואס דער ענין פון א רב איז, אז ער איז מלמד תורה, און דער אמיתיה הענין פון א מלך איז (ניט נאר "אשר יוציאם ואשר יביאם", נאר) אז ער איז מהווה כל עניני המדינה, און ער פארזארגט כל צרכי המדינה, און ער איז מגין אויף דער מדינה וכו' כמבואר בכ"מ, [וואס דאס איז בדוגמא ווי ספירת המלכות, ווי דאס ווערט אויפגעטאן אין מלכותא דרקיע]. און דאס זיינען די שתי דרגות כלליות וואס זיינען דא אין משיח צדקנו, יבוא ויגאלנו ויוליכנו קוממיות לארצנו בקרוב ממש.

ג. ע"ד ווי מ'האט גערעדט פריער א ענין אין חסידות, עד"ז דארף מען דאך האבן אין תורה אויך א ענין אין נגלה, ובפרט נאך הלכות החג בחג. ועד"ז בהנוגע צו איצטיקער צייט - א ענין וואס איז פארבונדן (לויט די הוראה פון דעם אלטן רבי'ן (ספה"ש ה'תש"ב ע' 29-30)) מיט דער פרשה השבוע פון נח.

וואס אין דעם סיום פון פרשה בראשית, און דער עיקר אין פרשה נח, איז דא א דבר פלא: וואס דער בויען די תיבה האט געווערט הונדערט און צוואנציק יאר ( רש"י בראשית ו, יד). זאגט מען אויף דערויף דעם טעם (שם), אז דאס איז געווען ווייל מ'האט געוואלט מחרה זיין דעם דור המבול, וואס זיי האבן געפרעגט ביי נח'ן וואס טוט ער, האט ער זיי דערציילט וועגן דעם עונש וואס וועט קומען, און מ'האט געקלערט אז אפשר וועלן זיי טאן תשובה, אשר לכן האט מען געוואלט געבן אן אריכות הזמן אויף עשית התשובה.

וואס דאס איז א דבר בלתי מובן לגמרי: ס'איז דאך ידוע דער ענין המעלה פון זריזות וואס עס איז דא אין קיום המצוות (עירובין כב, א), אין קיום ציווי ה' [און אין דערויף איז פארשטאנדיק אז דאס איז ניט פארבונדן מיט מ"ת דוקא, נאר אדרבה אט דאס וואס עס דארף זיין דער ענין הזריזות, לערנט מען דאס אפ פון אברהם אבינו, וואס ער איז געווען קודם מ"ת]. און בפרט נאך ווי דער אלטער רבי איז מדגיש (אגה"ק סי' כא) אז דאס וואס העומדת לנו איז דאס (ניט דער עצם ענין העקידה, נאר) גודל זריזותו פון א"א, וואס עד"ז דארף מען דאס אפלערנען בנוגע צו זריזות פון כל המצוות כולם.

איז אמת טאקע מ'האט געוואלט אז ס'זאל זיין אן אריכות הזמן אויף זיי מחרה זיין, און געבן זיי זמן אויף זיך מתבונן זיין, אפשר וועלן זיי תשובה טאן, אבער פארוואס האט מען דאס געדארפט פארבינדן מיטן קיום ציווי ה' - אז דאס זאל נעמען הונדערט און צוואנציק יאר, וואס דערפון קומט דאך אויס (לכאורה), אז ס'מאכט ניט אויס אז דער אויבערשטער האט געזאגט עשה לך תיבת עצי גופר, און פונדעסטוועגן זאל ער דאס פארציען אויף הונדערט און צוואנציק יאר.

עס איז דאך הרבה דרכים למקום, האט ער דאך געקענט געפינען אן אנדער אופן, אדער זאגן בדיבור אז ס'קומט צוגיין אזא מין און אזא מין זאך, אדער מאכן א התחלה וכיו"ב, אבער ניט אז די עשי' זאל געווערן אזא מין דיבוי זמן, וואס דעמאלט ווערט די שאלה: פארוואס זאל מען דערפון ניט אפלערנען, אז אויב ס'איז דא עפעס א סיבה, זאל מען פארציען אין העדר קיום ציווי ה', ביז אין א זמן ארוך ביותר, ביז (ווי דער פירוש הפשוט אין פסוק) על כל משך החיים, [וואדום מ'זאגט דאך אז די מאה ועשרים שנה איז דאס ווייל בשגם הוא בשר (בראשית ו, ג) דערפאר וועט זיין דער משך החיים שלו לכל היותר מאה ועשרים שנה.

- וואס -

הנחת הת' בלתי מוגה



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ו א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 189 הודפס ע"י א

וואס אט דא איז דא א ענין וואס איז מבאר אט דעם ענין גאר בפשטות [וואס א נקודה דערפון איז דא ביים ראגאטשאווער (צ"פ עה"ת ו, יד), גאר בנוגע צו אן אנדער ענין, אבער דערפון קען מען מסביר זיין אויך דא]: דאס איז געווען קודם מ"ת; און דאס איז געווען קודם זמן האבות, איז אט דעמאלט האט דאך געהאט א דין פון א בן נח, כאטש אפילו דאס רעדט זיך וועגן נח׳ן אליין.

ובמילא בשעה דער אויבערשטער האט אים געזאגט עשה לך תיבת עצי גופר (ובפרט נאך אז ס׳שטייט די הדגשה לך), איז דאס געווארן א ציווי צו אים, במילא האט ער דאס ניט געקענט אפגעבן אן אנדערן.

[דער ענין וואס מצוה בו יותר מבשלוחו (קידושין מא, א), איז דא אפילו לאחר מ"ח, אבער לאחר מ"ת איז דאס מערניט ווי מצוה בו יותר מבשלוחו. אבער קודם מ"ת, ווערט א גאנצע שקו"ט (צ"פ שם) צי ס׳איז שייך אין דערויף דער ענין פון שליחות, און ווער רעדט נאך אז דער ציווי איז געווען בהדגשה עשה - ל׳ יחיד, און לך, איז עפ"י דין ווערט א גאנצע שקו"ט, וקרוב לודאי אז ער האט אליין געמוזט אויפבויען די גאנצע היבה, פון נעמען עצי גופר, ביז דערנאך אויפבויען דעם גודל התיבה מיט די אלע פרטים פון דער תיבה].

און אט דעמאלט איז פשוט בגשמיות (וויבאלד אז ער האט געדארפט אויפבויען די תיבה, און ער האט געדארפט מאכן קנים, און געדארפט צוגרייטן אז דאס זאל זיין לזבלים, און דאס זאל זיין למאכל, און דאס זאל זיין לדירת פון בע"ח, און דאס זאל זיין לדירת בני אדם (יעדערער לפי ענינו, במילא) איז ניט אפגעפרעגט אז אין דרך הטבע וועט איין מענטש דארף די אלע זאכן טאן, און דערצו האט ער דאך נאך געדארפט מסביר זיין אנשי דורו פאדוואס טוט ער דאס, און אין דערויף האט ער דאך געדארפט אויך מאריך זיין און מסביר זיין לכל אנשי דור המבול, איז פשוט בגשמיות ניט אפגעפרעגט אז ס׳האט געדארפט פארנעמען ק"כ שנה, און אפשר נאך מערער פון דעם, וויבאלד אז דאס האט געטאן איין מענטש.

און בפרט נאך ..ז ער האט דאס נאך געוואלט טאן בהסברה אויף באווארענען אנשי דורו, האט ער דאך געדארפט רעדן אין דברים היוצאים מן הלב, ביז מאה פעמים ואחד [וואס דאס איז דאך אויך ניט פארבונדן מיט מ"ת, דאס איז דאך א ענין פון סברה ושכל], במילא האט דאס געדארפט נעמען מאה ועשרים שנה גאר בפשטות.

ובמילא קען מען דערפון ניט אפלערנען אז זריזות איז ניט אויף אזויפיל נוגע, ווארום דא איז געווען דער ציווי עשה לך - לשון יחיד, און ער האט דאך געדארפט אויפבויען א תיבה וואס זי זאל ביישטיין די מים דוהחים פון דעם מבול (ראה זבחים קיג, ב), און זי זאל זיין "שלש מאות אמה אורך התבה חמשים אמה רחבה ושלשים אמה קומתה", ביז צהר תעשה לתיבה גו׳ תחתים שנים ושלשים, מיט די אלע פרטים בדבר.

וועד רעדט נאך אויב ער האט געוואלט מכוון זיין די כוונות פון פני:יוה בינה ביים בויען די תיבה, איז גאר א פלא ווי אזוי האט עד זיך גאר איספראוועט אין הונדערט און צוואנציק יאר - אויף די כוונות אליין האט אים געדארפט אוועקגיין די גאנצע צייט, נאך איידער עד איז געקומען צום בויען, אבער עכ"פ פשוט בגשמיות פאלט אפ די גאנצע שאלה.

- דערביי -

הנחה הת׳ בלתי מוגה



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ז א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 190 הודפס ע"י א

רערבי׳י איז אבער דא דאס וואס מ׳פרעגט אלעמאל - למאי נפק"מ איצטער? איז די נפק"מ פשוט בהנוגע לפועל: די גמרא דערציילט אין סנהדרין (צו, א) אז סנחריב האט געפונען א דף פון היבת נח און געמאכט דערפון אן ע"ז. דערנאך לייענט מען בזמן לזכן אז מ׳גייט אין הרי אררט אויף זוכן תיבה נח. עכ"פ מ׳איז ניט מופרך אז צי די גוים וואס זוכן תיבת נח, אדער בביאת מ"צ וועט מען געפינען דעם דף פון היבה נח, וועט דעמאלט וועררן א שאלה: צי דורך דערויף וואס סנחריב האט זיך דערצו געבוקט, איז דאס געווארן אן ע"ז און דאס איז אסור בהנאה, אדער וויבאלד אז מ׳זאגט עשה לך, און דאס איז געזאגט געווארן צו אים (בדוגמא ווי מ׳זאגט (במדבר י. ב) עשה לך שתי חצוצרות כסף), במילא ווערט דאס זיינע נכסים, איז׳אס דעמאלט קען דאס קיין אנדערער ניט אסר׳ן - אין אדם אוסר דבר שאינו שלו (ע"ז נד. א), ובמילא בשעת מ׳וועט דאס געפינען קען מען דאס ניצן אויף וואס מ׳וויל.

דערנאך קומט צו כרגיל די הוראה וואס איז דא אין דעם בנוגע לעבודה הארם לקונו, וכידוע הורה הבעש"ט (היום יום ע׳ נב) אז פון יעדער זאך דארף מען זיך אפלערנען וואס פאר א שייכות האט דאס צו אים, און ווי אזוי דארף דאס ווירקן אויף עבודתו לקונו.

און דא איז דא א געוואלדיקער לימוד, אז מ׳זאגט אן א אידן, אז ער זאל וויסן זיין, אז אין הורה שטייט א סיפור, אז ס׳איז געווען א בנין פון א גרויסע תיבה, און נח האט געהאט זיין און שניר - א גאנצע משפחה, און דעמאלט האט נאך געלעבט מתושלח ווי רש"י ברייננט אראפ אויפ׳ן פסוק כי לימים עוד שבעה (בראשית ז, ד), אז נח איז דעמאלט געווען אין ימי אבלו של מתושלח, וואס דעמאלט האט זיך געענדיקט די הונדערט און צוואנציק יאר, ובמילא איז געווען כבוד תלמידי מתושלח, האט דער אויבערשטער באוויזן א וועג, אז בשעה ער רעדט זיך וועגן באווארענען א מענטשן אז ער זאל ניט מאן קיין עבירות (עבירות שבין אדם לחבירו - מלאה הארץ חמס (בראשית ו, יג)), קען ער דאס ניט איבערגעבן א צווייטן.

ער שרייט ער איז א מנהיג הדור, ער איז נח אליין, און מ׳דארף באווארענען די מענטשן אז זיי זאלן אויפהערן מאן די עבירות וועלכע זיי טוען, איז וואס הייסט - ער וועט אפגעבן זיין צייט אויף קלאפן ברעטער און מאכן די תיבה, אויף דערויף האט ער עבדים, ומשרתים, ו ובנים, ותלמידים.

דערציילט די הורה, אז וויבאלד דאס רעדט זיך וועגן מציל זיין עטלעכע מענטשן, צי מציל זיין בע"ח, צי מציל זיין זרעים (און ווי רש"י ברייננט אראפ (שם ט, כ) אז הכניס עמו זמורות וכו׳), טאר ער דאס ניט אפגעבן צו א צווייטן.

איי ער איז א מנהיג הדור, און ער דארף זיך פארנעמען מיט האלטן א שיינע דרשה (און א דרשה וואס די תורה האט אים אנגעזאגט) כדי צו באווארענען אנשי דורו. וויבאלד אבער אז דא שטייט בפירוש עשה לך היבה עצי גופר, און מ׳זאגט אז דאס איז נוגע צום קיום פון זיבן מענטשן (אדער אכט מענטשן, ווי ס׳זאל דא זיין דער חשבון), איז אט דעמאלט וויבאלד אז דער אויבערשטער האט אים מודיע געווען דערפון, קען ער דאס ניט אפגעבן צו א צווייטן.

איי איז די קשיא: ער דארף באווארענען אנשי דורו אז עס זאל זיין דער היפך פון מלאה הארץ חמס, ווי ער זאגט אין דער פרשה, וויבאלד אבער אז דער אויבערשטער לייגט אויף אים ארוף ביידע זאכן, איז צום

- אלעם -

הנחת הת׳ בלחי מוגה



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ו א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 191 הודפס ע"י א

אלעס ערשטן זאל ער מקיים זיין אט דאס וואס שטייט אין שו"ע - עשה לך תיבת עצי גופר, און ס'איז א זיכערע זאך אז די מצוה וועט ניט מבלבל זיין ח"ו צו דעם קיום פון אן אנדער מצוה, ואדרבה דאס וועט נאך מוסיף זיין בזה.

וואס דערפאר זעט מען דאך ווי ס'איז געווען בפועל, אז נח האט אויפגעבויט די תיבה, און צוזאמען דערמיט האט ער מזהיר געווען את בני דורו.

נאר וואס דען מצד דערויף וואס דאס איז געווען פאר מ"ת, במילא האט ער ניט געהאט אט דעם קאך ווי ס'איז געווען ביי משה רבינו לאחר מ"ת, וואס דעמאלט האט משה געזאגט מחני נא מספרך (שמות לב, לב), סיידן דער אויבערשטער וועט מוחל זיין די עושי העגל.

וואס דערפאר זאגט ער דאך איז זהר (ח"א סז, ב. קו, א. רנד, ב. ח"ג טו, א) אז ניט נח'ס עבודה איז די עבודה פון איצטער, און אויך ניט די עבודה פון אברהם, נאר די עבודה פון איצט איז די עבודה פון משה וואס משה קיבל תורה מסיני ומסרה ליהושע, ויהושע לזקנים, וזקנים לנביאים, ונביאים מסרוה לאנשי כנסת הגדולה (אבות פ"א מ"א), ביז בדורנו זה, אז ניט נאר מ'דארף זאגן מוסר אין אן אופן ווי עפ"י תורה (ווי דער אלטער רבי איז דאס מבאר אין הלכות נזקי גוף (ס"ד) ווי אזוי מען מעג (און נאך מער מ'דארף) זאגן מוסר), און ניט נאר אז מ'דארף מתפלל זיין לשלום פון די - אויב ס'איז דא - עשרה צדיקים עכ"פ, נאר מ'דארף זאגן אזוי ווי משה רבינו האט געזאגט, אז אפי' וואס דאס רעדט זיך וועגן עושי העגל, און ער האט שוין מתפלל געווען וכו', איז לכאורה וואס נאך קען ער טאן - ער האט שוין אלץ געטאן,

איז אבער בשעת ס'איז ניטא קיין אנדער וועג, האט ער זיך איינ-געשטעלט אין סכנה, און געזאגט מחני נא מספרך אשר כתבת, סיידן מ'וועט מוחל זיין די עושי העגל, און ער האט געהאלטן דערביי מיט אן אמת, ווארום משה אמת ותורתו אמת (תנחומא קרח יא) - זיין מדה איז געווען אמת. און תורה דערציילט דאס אלץ א חלק פון א הוראה לכל הדורות כולם, אז דאס איז דער סדר פון נאך מ"ת.

און פונקט אזוי ווי עס דערציילט זיך אין דער הוראה אז דערנאך איז געווען דער סוף ביידע זאכן: ער האט אויסגעפירט, און ס'איז געווארן דער ענין בשלימותו, וואס דאס איז געווארן די הכנה צו די לוחות שניות, ווי ער זאגט אין מדרש (שמו"ר רפמ"ו) אז התחיל משה מצטער, האט אים דער אויבערשטער געזאגט אז ער זאל זיך ניט מצטער זיין נאר אדרבה עס וועט זיין כפליים לתושי'. און דוקא דורך אזא מין עבודה קומט צו אין הורת משה אין אן אופן שלא בערך.

וכמדובר כמ"פ אז כפליים להושי' איז ניט דער טייטש צוויי מאל אזויפיל, און ניט נאר אז דאס איז א הוספה בכמות, נאר דאס איז אין א ענין גאר שלא בערך ובאיכות.

וואס דאס איז אויך די הוראה בנוגע אלינו (ווי גערעדט פריער), אז אדרבה פון דאנענט זעט מען די זריזות הכי גדולה פון נח, אז כאטש ער האט געארבעט איינער אליין, פונדעסטוועגן איז אין הונדערט און צוואנציק יאר האט ער באקומען די עצי גופר, און די כופר מיט די אלע זאכן וואס מ'האט געדארפט דערצו האבן, און צוזאמען דערמיט האט ער אויך געהאט די צייט להזהיר את בני דורו.

- און -

הנחת הת' ב/תי מוגה



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ו א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 192 הודפס ע"י א

און דערנאך קומט אויך צו אט דאס וואס ער זאגט אין זהר וואס א אברהם האט מוסיף געווען אויף נח'ן, און וואס משה האט געגעבן די הוראה כללית, און עד"ז אויך אט דאס וואס מ'האט גערעדט אין די פדיערדיקע מאמרים (ד"ה בסוכות תשבו ש.ז ס"ד), אז תיבת נח איז דאס בדוגמא פון לע"ל, וואס דעמאלט איז אויך געווען דער ענין פון לא ירעו ולא ישחיתו, וואס ס'איז דאך ידוע די תורה פון דעם אלטן רבי'ן אז מען דארף לעבן מיט דער צייט, ובעניניננו - מיטן סיפור פון תיבת נח, ועד"ז אויך דערפון קען מען ארויסנעמען צוויי הוראות:

די עדשטע הוראה אז "כי מי נח זאת לי" (ישעי' נד, ט) אז נקראים על שמו (זהר ח"א סז,ב) ווייל ער האט ניט געטאן אין באווארענען בני דורו ווי אברהם, און עאכו"כ ניט געטאן אזוי ווי משה (וכמבואר אין די דרושים פארוואס די מי המבול נקראים על שמו).

און צוזאמען דערמיט אויך די צווייטע הוראה, אז בשעת א איד שטעלט זיך איין, און זאגט אז ער גייט בשליחותו של הקב"ה, פועל'ט ער אין דער גאנצער וועלט אז עס זאל זיין לא ירעו ולא ישחיתו, ווי מ'זעט דאס אויך אין חג הסוכות דאזלינץ מיני', וואס סוכה איז דאך בדוגמא פון היבת נח (נסמן במאמר הנ"ל הערה 31).

און דאס וועט ברייגגען בקרוב צו דעם לא ירעו ולא ישחיתו פון דער גאולה האמיתית והשלימה, וואס דעמאלט וועט דאס מקוים ווערן ע"י משיח צדקנו, ובכל העולם כולו, ווארום עתידה אד"י שתתפשט בכל הארצות (ילקו"ש ישעי' רמז תקנ).

ויה"ר אז די אלע פרטים און די אלע ענינים זאלן זיין אין אן אופן פון מלכהחילה אריבער, און בשעת מ'פארבינדט דאס נאך מיט א ניגון, ווערט דאך דער מלכתחילה אריבער בשמחה, ובמילא איז דאס פורץ כל הגדרים, און דאס איז מזרז אז מ'זאל בקרוב ממש זינגען און טאנצן לקבל פני משיח צדקנו.

ד. ווי גערעדט פריער אז דאס וואס ער דערציילט אין מדרש פון קשה עלי פרידתכם, איז דאס אויף צו אפ לערנען, אז בשעת אידן גייען זיך פאנאנדער פון א התועדות פון א יו"ט, אדער פון א התועדות וואס איז בהמשך צו א יו"ט, דארפן זיי וויסן אז דאס איז ניט קיין אמת'ע פרידתכם, ווארום עד ווייסט דאך אז אויפן אויבערשטן איז קשה פרידתכם, און ס'איז דאך א זיכערע זאך אז ער וויל מקיים זיין דעם ציווי פון דעם אויבערשטן, און עאכו"כ אז ער וויל ניט מאכן - כביכול - שווער דעם אויבערשטן, במילא איז ער ניט נפרד, איי וואס ער געפינט זיך ניט אין דעם זעלבן מקום גשמי פון א צווייטן, איז דאך דערצו די עצה פון אל יפטר אדם מחבירו אלא מהוך דבר הלכה, שמתוך כך זוכרוהו (ברכות לא, א).

וואס איינער פון די פירושים אין דעם איז דאך, אז בשעתביידע געדיינקען דעם זעלבן דבר הלכה, און דאס איז חקוק במוח הזכרון שלהם, וואס אט דעמולט איז אויף דערויף ניט שייך קיין שכחה, און דעד דבר הלכה שטייט דאך בקיומו, במילא ווערט א יחוד נפלא פון יעדערן פון זיי מיט דעם דבר הלכה, און דורך דערויף וואס זיי זיינען מיוחד ביחוד נפלא, אין דעם זעלבן דבר הלכה - מיט וועלכן מען איז זיך פאנאנדער געגייגגען, דורך דערויף פאראייניציקן זיך דער אדם וחבירו, און דער פאנאנדערגייין זיך איז ניט קיין פאנאנדערגיינג - ניט קיין פרידה.

- עד"ז -

הנחת הה' בלתי מוגה



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ו א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 193 הודפס ע"י א